שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**ירידה תכלית העליה**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר נ'**
שבט שנת תשפ"ו לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©

כל הזכויות שמורות

מכון דורשי יחודך

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


איבערדרייען דער 'ירידה' אויף א 'מרכבה לקדושה' ......... א
דער ציל פון 'רע' ......... ג
דער חסרון ווערט גאר א מעלה ......... ד
אויסגעשטיגן פון א דורכפאַל ......... ו
קודם טונקלקייט, דערנאך ליכטיגקייט ......... ח
א בריאה וואס קוועלט ......... ט
פריש פון אלע זייטן ......... יב
'לית יום דלית ביה טוב' ......... יד
געווארן 'צדיקים יסודי עולם' ......... טז


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר נ'

## 'ירידה תכלית העליה'

**איבערדרייען דער 'ירידה' אויף א 'מרכבה לקדושה'**

עס איז דא פון דעם **בעל־שם־טוב** אויף דער משנה פון "ד' מידות בהולכי לבית־המדרש"[א]; רעכנט די משנה אויס וואס איז די 'ד' מידות'; "**הולך ואינו עושה**" - ער גייט דאווענען, ער גייט לערנען, און ס'איז אים נישט געגאנגען, ס'האט זיך נישט געדאווענט, ס'האט זיך נישט געלערנט - זאגט די משנה, "**שכר הליכה בידו**".

ער איז דאך געגאנגען, באצאלט אים דער אויבערשטער שכר אויף וואס ער איז געגאנגען. אז ער איז געגאנגען אויף צו דאווענען, אדער צו לערנען, און ס'איז אים נישט געגאנגען, ס'האט זיך נישט געדאווענט, ס'האט זיך נישט געלערנט, אבער למעשה איז ער דאך געגאנגען, איז 'שכר הליכה בידו'.

דערנאך איז דא פארקערט, "**עושה ואינו הולך**" - ער האט געדאווענט אין שטוב, ער האט א נאנטע שול ווי ער האט געדאווענט - אבער ער האט געדאווענט, האט ער "**שכר מעשה בידו**", ער האט דאך געלערנט און געדאווענט. דערנאך איז דא "**הולך ועושה**", דער איז ער א 'חסיד'.

און די פערטע מדריגה איז, "**אינו הולך ואינו עושה**".

פרעגט דער בעל־שם־טוב, אויב 'אינו הולך ואינו עושה', מיט וואס רעכנט אים די משנה אריין אין די "ד' מידות בהולכי לבית המדרש"?

---

**א.** אבות פ"ה מי"ד.

נישט ער גייט און נישט ער טוט, איז ער דאך אינגאנצן נישט ׳מהולכי לבית המדרש׳, פארוואס רעכנט אים די משנה בכלל אריין אין די ״ד׳ מידות בהולכי לבית המדרש״?

זאגט דער בעל־שם[ב], אז א מענטש קוקט אָן דעם ׳אינו הולך ואינו עושה׳, און מען זעט - ׳קוק וואספארא פנים עס האט דער וואס האט פארברענגט די יארן, נישט ער זיצט, נישט ער גייט, נישט ער טוט, עס ווערט פון אים גארנישט!׳ - אט דאס איז דאך מעורר א מענטשן.

אז מען קוקט אָן ווי אזוי די ׳רע׳ קוקט אויס - און מען וויל **נישט** אזוי זיין, מען וויל טאקע ממלא זיין די יארן מיט תורה און תפילה און עבודת ה׳ און נישט נעמען דאס ביסל יארן וואס דער אויבערשטער גיט אונז און מאכן פון דעם גארנישט; איז וויבאלד מען האט אַן התעוררות פון דעם אז מען זאל זיין א ׳הולך לבית המדרש׳ און צו זיין א ׳הולך׳ ׳ועושה׳, ווערט די ׳רע׳ א ׳מרכבה לקדושה׳ און די ׳רע׳ ניצט פארן ׳טוב׳; איז וויבאלד ער ניצט פארן ׳טוב׳, האט ער אויך א שטיקל ׳תיקון׳ און ער גייט אויך אריין אין די ״ארבע מידות בהולכי לבית המדרש״.

- אט די זעלבע זאך קען א מענטש מאכן ביי זיך אליין; בשעת ער איז אין א ׳ירידה׳ און ער גיבט זיך א בארעכן - ׳זעה ווי איך קוק אויס׳... פאר דעם בין איך באשאפן געווארן - צו טון אזעלכע זאכן?! צו פאַרוואַסערן די יארן?! אזוי זיך צו פירן?! אויף דעם האט מען מיר אראפגעשיקט אויף דער וועלט?! און ער מאכט פון דעם אַן ׳עליה׳, ווערט ממש די ׳ירידה׳ אַן ׳עליה׳, און די ׳ירידה׳ באקומט א ׳תיקון׳.

---

**ב.** מובא ספר נוצר חסד (קאמארנא) על אבות פרק ה׳, וזל״ש: ארבע מדות בהולכי בית המדרש, הקשה מרן הריב״ש ״לא הולך ולא עושה״ מה זה חושב בהולכי בית המדרש? ומתרץ, רע מבחין הטוב, כי אם לא היה הרע לא היה ניכר הטוב, כיתרון האור מן החושך, ולכן גם הרשע והשוטה נקרא מהולכי בית המדרש, כי מהשוטה הזה אתיא תועלתא לחכמה, ואמר מרן שכמעט יש כח לרע לעלות על ידי זה, כי הוא צורך לעולם, אבל משם אורידך נאם ה׳ אמן.

נישט נאר ער באקומט אַן 'עליה', נאר די 'ירידה' אליין איז אויך 'מתוקן' געווארן, ווייל דורך דער 'ירידה' האט ער באקומען דער 'עליה'[ג].

## דער ציל פון 'רע'

דער **רמח"ל**[ד] רעדט ארום דעם סוד פון 'בריאת הרע' פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן אין דער בריאה 'רע'. רעדט ער ארום כמה טעמים אויף דעם. אוודאי, ווער קען פארשטיין, אפילו די טעמים וואס מען זאגט איז דאך 'כטיפה מן הים' וואס ווער פארשטייט - 'מי יבוא אחר המלך?!' אבער דער רמח"ל זאגט אז לעתיד-לבא ווען דער אויבערשטער וועט העלפן אז עס וועט זיין "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ" און עס וועט נתגלה ווערן דער

---

**ג.** עיין אוסף מכתבים (חלק א' מכתב כ"ד) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: מה שכתבת לי שבעת הצורך שוכחים את הכתוב בספרים הק', הנה כן הוא המציאות בעולם הזה עם כל הדברים הקדושים, שבעת הנסיון נשאר רק רשימת זכרון בעלמא, שבזה צריכים להתחזק שהסומא כל האור שלו הוא מה שזוכר מקודם, שזה הוא הדרך האמת. ואף שעתה נדמה לו חושך ואפילה מכל הצדדים, והדרך הנכונה והדרך שיכולה לשבור את הראש נראות לו שוות, ועוד יוכל להיות שהדרך הנכונה נראית לו כקיר, והדרך שיכול לשבור ראשו נדמית לו לדרך נכונה, עכ"ז אם הוא מקשר את עצמו להזכרון של קודם, אז הוא הולך לבטח ומצליח דרכו, או אם הוא שומע לקול פקח נאמן המראה לו את דרכו הישרה, או ע"י מקלו שיגיד לו. נמצא שכל אורו היא האמונה בעצמה בעת שהזריח לו האור הטוב או אמונה בהצדיקים ההולכים לאור. וראה עד"ז בלק"מ (סי' רכב).

מוהרנ"ת בלק"ה מדבר הרבה ממה שישראל מונים לירח. ויש סודות הרבה ע"ד מיעוט הירח, שמתמעט ומתגדל, וכל סוד הירידה תכלית העליה, וכל סוד איך שמתאחזים בעת הירידה, נרמז בהירח. וחשבתי ע"ז כי כשמדברים מירידה חושבים שהירידה היא רק קצת פחות מהעליה, ולא כן הוא, כי הירח שהי' מאיר כשמש, היתה הירידה שלו שלקחו ממנו אורו לגמרי, וכל אורו הוא זה שעומד נגד השמש והשמש זורחת עליו. כי זה הוא הדרך בעת הירידה, בפרט ובכלל בעולם הזה שדומה ללילה, שנבטל את עצמינו, שהשמש והאור האמיתי תזרח עלינו, אע"פ שבאים לפעמים לבחינה שאנו חשוכים לגמרי ח"ו, צריכים להתחזק ברשימו חלש מהזכרון של האור הקודם, ועם זה עוברים את כל החושך, עד שחוזרים ומגיעים אל האור.

**ד.** עיין ספרו 'דעת ותבונות' מאות ל"ח ולהלן, ועוד הרבה בשאר ספריו הקדושים.

׳טוב׳ און עס וועט נתגלה ווערן דער ׳זיו השכינה׳, איז דווקא ווייל עס איז געווען פריער ׳רע׳, וועט מען ערשט זען וואס ׳טוב׳ איז.

דאס איז אזוי ווי, ווער וואלט פארשטאנען די חשיבות פון ׳ליכט׳ ווען עס וואלט נישט געווען קיין ׳חושך׳?! איז דער פשט, **ווייל** עס איז דא ׳חושך׳, ערשט אז עס ווערט ליכטיג, זעה איך וואס הייסט ׳ליכטיג׳; פארוואס? ווייל כ׳האב אמאל געזען ׳חושך׳. אט דאס איז דער פשט אין פסוק[ה]: **"כִּיתְרוֹן הָאוֹר מִן הַחֹשֶׁךְ"**, אז דער ׳יתרון האור׳, די חשיבות פון דעם ׳אור׳, די מעלה פון דעם ׳אור׳, איז **ווייל** עס איז דא ׳חושך׳.

ווען עס וואלט געווען כסדר ׳ליכטיג׳, וואלט מען נישט געקענט מאכן קיין ברכה "יוצר המאורות"; פארוואס? ווייל אז מען זעט נישט וואס ׳חושך׳ איז - ווי קען מען פארשטיין וואס איז ׳אור׳?! קומט אויס, די שלימות און די חשיבות פון דעם ׳טוב׳ איז, בשעת עס איז דא ׳רע׳.

די זעלבע זאך איז ביי יעדן מענטשן, די ׳רע׳ און די ׳ירידה׳ דערוועקט אים צו זיך באנייען, עס דערוועקט אים זיך אפצוטרייסלען פון אלע עולם־הזה און זיך נעמען צו תורה און תפילה; קומט אויס, די ׳רע׳ האט צוגעהאלפן דעם ׳טוב׳.

## דער חסרון ווערט גאר א מעלה

אט דאס איז טאקע דער פשט וואס חז"ל זאגן[ו]: **"לעולם יצא אדם לקראת מלכי ישראל, ולא לקראת מלכי ישראל בלבד, אלא אפילו לקראת מלכי עכו"ם, שאם יזכה יבחין"**. איז דער פשט, יא, מען זעט טאקע ערשט דעם כבוד פון די מלכי העכו"ם - זעה, זעה דעם כבוד, זעה וואס טוט זיך, אזוי אז לעתיד־לבא ווען דו וועסט זען דעם כבוד

**ה.** קהלת ב, יג.

**ו.** גמ׳ ברכות דף ט ע"ב.

פון משיח צדקינו, וועסטו ערשט זען וואספארא 'חושך' דארט איז געוועז. איז פשט, ערשט וועסטו קענען מבחין זיין.

**רש"י** זאגט טאקע אין אחרי־מות[ז]. רש"י גיט דארט א משל; אז א דאקטער זאגט איינעם - "אל תאכל צונן ואל תשכב בטחב"; ער זאגט אָן דעם חולה - 'דאס זאלסטו יא עסן, דאס זאלסטו נישט עסן, 'אזוי' זאלסטו זיך פירן!' - האט ער אים מזהיר געוועז. אבער טאמער זאגט ער אים - 'דו זאלסט וויסן, דאס זאלסטו יא עסן, דאס זאלסטו נישט עסן, דו זאלסט זיך פירן אויף אזא סארט אופן ווי איך הייס דיר, ווייל טאמער נישט וועסטו שטארבן ווי יענעם...' זאגט רש"י - **"זה זרזו לו ביותר"**.

קומט אויס, מען נעמט אמאל א 'חסרון' - און פון דעם חסרון ווערט א 'מעלה'.

די זעלבע זאך, אז א מענטש זעט ביי זיך אליין אַן עוולה, ער זעט א נארישקייט ביי זיך, און דאס דערוועקט אים צו 'טוב', דאס דערוועקט אים זיך אפצוטרייסלען פון די הבלי עולם-הזה און זיך נעמען טאקע צו חכמה דקדושה און צו תורה און תפילה און עבודה, איז ממש, נישט נאר ער איז נתעלה געווארן, נאר ממש דער 'חסרון החושך' וואס איז געווען, באקומט א 'תיקון'! פארוואס? ווייל ער איז נתעלה געווארן דורך דעם[ח].

---

**ז.** ויקרא טז, א.

**ח.** עיין אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב ע"ח) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: **ולולי ידעתי מרבינו הקדוש ומתלמידו מוהרנ"ת זצ"ל אז אבדתי מעניי ומפגעי נפשי אשר עבר עלי מעודי עד היום הזה** ו"אם אמרתי מטה רגלי חסדך ה' יסעדני" (תהלים צד, יח) - כאשר קבלנו מרבינו הקדוש כי אין יאוש בעולם כלל במציאות ממש.

כי הנה מובא בספרים הק', שבתחילת הבריאה היתה בחינה של סוד שבירת כלים, ורק אח"כ נבראה הבריאה. וכל השבירות ברוחניות ובגשמיות בכל ימות עולם, שרשם מהשבירה הקודמת. וכמו שאז בעת השבירה נשארה נקודה שלא נשברה כידוע. כמו כן בכל שבירה הנעשית בזה העולם יש נקודה שלא נשברת, שע"י הנקודה הזו תשוב השבירה לתיקון, והחסרון יתמלא באופן נפלא כזה כאילו לא נשבר כלל ועוד ביתר שאת בבחי' "ירידה תכלית עליה".

## אויסגעשטיגן פון א דורכפאַל

עס זענען טאקע דא אסאך וואס האבן זוכה געווען און זענען צוגעקומען צו אזעלכע הויכע מדריגות אין תורה און אין תפילה און צו אזעלכע התקרבות, ווייל בשעת זיי זענען געווען אין 'רע', אין 'חושך', זיי האבן געזען ווי זיי גייען, זיי האבן געזען וואס עס ווערט פון זיי, דורכדעם זענען זיי צוגעקומען צו אזא מין התקרבות וואס אָן די 'ירידה' וואלטן זיי צו דעם 'התקרבות' נישט צוגעקומען.

הייסט דאס, די 'ירידה' האט אים גורם געווען צו אט דער געוואלדיגער 'עליה'!

כ'ווייס טאקע פון איינעם פון די גדולי הדור פון דעם פריערדיגן דור, וואס אלע תלמידים זיינע און אלע וואס געדענקען אים קענען ממש נישט פארגעסן פון אים, זיי האלטן אין איין רעדן פון אים, און עס איז דא מענטשן וואס האבן אסאך יראת שמים און אסאך מידות טובות וואס זיי האבן מקבל געווען פון אים 'עד היום'. ווייס איך אויף אים אליין, איינער האט מיר דאס דערציילט. 'בימי נעוריו' ווען ער איז געווען גאר א יונגער בחור'ל האט ער אפגעלאזט דאס לערנען און ער איז געגאנגען ארבעטן. אז ער האט אפגעארבעט א חודש צייט און עס איז געקומען סוף חודש, האט ער אפגענומען די געלט פאר דער חודש צייט וואס ער האט געארבעט. דערנאך איז ער געגאנגען אין מקוה, האט מען עס אים בא'גנב'עט...

- אט דער חלישת דעת האט אים גורם געווען - ער האט געזען וואס ער האט געטון - ער האט אפגעלאזט דעם לערנען, אפגעארבעט א חודש, און אפילו דאס וואס ער האט אפגעארבעט

---

ודוגמה לזה נקט רבינו בס' ל"ד שהנקודה היא בחי' מעיין, שממנה נמשך החיות להנהר הנמשך ממנו למלאות כל הנהר על כל גדותיו בהתחדשות נפלא כאלו לא נתייבש כלל מעולם.

והנה למעשה אין שום שבירה ואין שום נפילה ואין שום בלבול וסיבוך שאין בהם נקודה שעל ידה ישוב הדבר לתיקון ולשלימות נפלא כאילו לא נשבר מעולם, כי כך הטביע הקב"ה בעולמו שלא תהיה שום מציאות של שבירה אשר לא תוכל לשוב לתיקון.

האט ער אויך נישט, אט דאס האט געמאכט אין אים אזא מין 'התבוננות', אז ער איז געפארן אין א פלאץ לערנען און ער איז געווארן א גרויסער מתמיד און אַן עובד ה' און א בעל מידות ביז ער איז געווארן פון די גרעסטע בעלי-מוסר אין דעם פריערדיגן דור.

די גאנצע 'עליה' זיינע וואס ער איז געווען דבוק צום אויבערשטן 'כל ימיו' אזוי ווי עס איז געווען ידוע, איז אלץ געווען בכח דער 'ירידה' וואס ער האט געהאט.

אט דאס זאגט דא דער רבי, אמאל איז דא א ירידה מן-השמים וואס מען גיבט דעם מענטשן א 'ירידה', און די כוונה פון אויבערשטן איז - **'מאך אַן עליה'! 'מאך אַן עליה'!** זעה ווי די הבלי עולם הזה קוקט אויס, זעה וואס עס בלייבט פון דעם, מאך דערפון אַן 'עליה'.

אט דאס איז טאקע דער ענין וואס דער רבי האט געהייסן האבן 'התבודדות', כדי אלע טאג זיך מתבודד זיין אין א פלאץ און זיך בארעכענען 'על מה אתינא להאי עלמא שפילה?!' - אויף וואס בין איך אראפ אויף דער וועלט?! צו וואס האט מען מיך דא אראפגעשיקט אויף א (באשטימטע) זמן וואס נאר דער אויבערשטער ווייסט?! מיט וואס דארף איך צוריקקומען?![ט].

---

**ט.** עיין חיי מוהר"ן אות רל"ט: פעם אחת שאל אותו (- מרבינו) אחד מבני הנעורים הקטנים איך להתבודד, ולמד אותו לומר לפני ה' יתברך, 'רבונו של עולם, רחם עלי וכו', כי היתכן שיעברו יָמי בהבל כזה, וכי בשביל כך נוצרתי?!' (ובלשון אשכנז, כי **היתכן אז סע זאל מיר אזוי אוועק געהין דיא וועלט, בין איך דען פון דעסט וועגין באשאפען גיווארן?!**) וכו'. אחר כך באיזה עת עמד זה האיש אחר כתלי רביז"ל, ושמע שרביז"ל בעצמו שפך את לבו לפני ה' יתברך בדיבורים כאלו; גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה אות פ"ז: **עיקר ההתבודדות** שצריך להתבודד ולחשוב עם עצמו **היכן הוא בעולם?** ולהיכן נתפזר דעתו ומחשבתו ורצונו? ולהיכן נשלך ונתעה על ידי מעשיו ומחשבותיו? עד שעל פי רוב רואה בעצמו שאין לו מקום ורוח מארבע רוחות העולם לברוח לשם ולהתחבא שם מפגעי העולם בגשמיות ורוחניות בגוף ונפש וממון ופרנסה בבחינת 'אנה אלך מרוחך' וכו' ובבחינת 'אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי', וכמו שכתוב 'הבט ימין וראה ואין לי מכיר אבד מנוס ממני', וכמו שאומרים בסליחות, 'פנינו לימין ואין עוזר, לשמאל ואין סומך' וכו', וכן הרבה עד שרואה שאין לו מנוס כי אם אליו יתברך לבד.

אט דאס איז טאקע דער תכלית - נעמען די אלע ירידות און די אלע זאכן וואס גייט איבער אויף א מענטשן - און זיך באנייען און זיך אפטרייסלען פון די אלע הבלי עולם הזה! זיך באנייען און מאכן אַן התחדשות, מאכן א התחדשות אין תורה, אין תפילה, אין עבודה.

## קודם טונקלקייט, דערנאך ליכטיגקייט

למעשה, די בריאה איז דאך טאקע באשאפן געווארן פון 'ירידות' מיט 'עליות' - מען זעט עס במציאות, 'טאג מיט נאכט', 'בערג מיט טאלן', 'אור מיט חושך', עס גייט איבער אזויפיל; אזוי איז אויך ביי יעדער מענטש, אמאל איז ער אין א 'ירידה', און אמאל אין אַן 'עליה'; די גאנצע בריאה גייט אזוי.

**רבי פינחס'ל קאריצער** זאגט[י], אפילו אין מאַטריאַלן; אין וואסער איז דא אמאל א תקופה וואס די וואסער איז אין אַן 'עליה', און אמאל אין א 'ירידה'; די גאנצע וועלט איז אזוי באשאפן געווארן. אבער למעשה, דער תכלית איז - פון דער 'ירידה' זאל ווערן אַן 'עליה'.

עס ווערט טאקע געבראכט[יא] אויף **"וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד"**. "ויהי ערב" איז פשט - עס איז 'ערב', עס איז 'חושך'. און 'בוקר' איז

---

**י.** אמרי פינחס, שער א', תנ"ך - יחזקאל, וז"ל: 'והחיות רצוא ושוב' (א, יד), הוא בכל דבר שבעולם במחשבות ובבריאות הגוף וכו', וכן באורחים רוצה שילכו ויבואו אחרים, וכן הוא בדומם צומח חי מדבר, כי [המים] ישן קצת.

**יא.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' דברים אות ב': שמעתי ממורי זלה"ה, יתרון האור הנמשך מן החושך וכו' ודפח"ח. ויש בכלל זה יתרון האור הנמשך מן חושך של עצמו, או מחושך של זולתו. וזה ביאור פסוק (בראשית א, ה) "ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" וכו', יעו"ש [שהארכתי] בענין זה. והעולה מזה, כי תענוג התמידי אינו תענוג בעצם, כי אם התענוג שנקרא אור הנמשך מן החושך. והיינו כי יש קטנות וגדלות בעולמות העליונות, וכן באדם החיות רצוא ושוב, כי יש זמן שהוא עובד ה' בתכלית השלימות, ויש זמן שאינו עובד ה' רק מצד (ההכרה ו)ההכרח, שזה נקרא אילן סרק שאינו עושה פירות. מכל מקום אחר שיוצא מבחי' זו שנקרא קטנות ונכנס בגדלות, אז יש יתרון האור מן החושך, שע"י החושך שהיה לו תחילה יש עכשיו יתרון אור בתענוג יותר, ואז נעשה כסא זה לזה, ונקרא עושה פירות.

פשט - עס איז ליכטיג. אז דער אויבערשטער העלפט אז מען מאכט פון דעם 'חושך' אַן 'עליה' א 'בוקר', איז דאס טאקע 'יום אחד'; ווייל אדרבה, ערשט פארשטיי איך עס גוט. ווען עס וואלט געווען הויל ליכטיג, וואלט איך קיינמאל נישט פארשטאנען וואס 'ליכטיג' איז[יב].

א מענטש דארף מאכן פון אלע זיינע 'ירידות' - 'עליות'; פון אלע מכשולים וואס א מענטש ווערט נכשל, דארף ער מאכן דערפון א גוטן תיקון.

אז א מענטש כאפט א קלאפ פון א שונא, איז די עצה צו כאפן ווייטער קלעפ?! די עצה איז, גוט אכטונג געבן נישט צו כאפן קיין קלאפ פון ערשט און ווייטער און דערלאנגען דעם שׂונא צען מאל אזויפיל! אדרבה, א מענטש קען נעמען דעם 'עבר' און מאכן דערפון א געוואלדיגן 'עתיד', אזוי איז עס!

## א בריאה וואס קווועלט

**רש"י** זאגט מפורש[יג]: **"בכל יום יהיו בעיניך חדשים כאילו בו ביום נצטווית עליהם"**![יד]

---

**יב.** עיין ליקוטי הלכות הל' קריאת התורה ה"ו אות י"ח: **בהכרח** שיעברו על כל אדם עליות וירידות הרבה מאד. והכל בשביל התחדשות הנ"ל, שבשביל זה נברא יום ולילה אור וחשך, והוא יתברך מאפיל ומאיר בגשמיות וברוחניות בכלל ובפרט בכל אדם ובכל זמן.

**יג.** דברים כו, טז.

**יד.** עיין ליקוטי הלכות הל' בשר בחלב ה"ד אות א' מה שכתב לבאר בזה באריכות, וז"ל בא"ד: עיקר העבודה היא התחדשות, בחינת 'וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים', שצריכין להתחדש בכל יום ממש בבחינת 'אשר אנכי מצוך היום' - **'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים'** הנאמר בקריאת שמע וכו' כנ"ל, כי מי שמחזק עצמו להתחיל בכל פעם מחדש בודאי לא יפול לעולם אפילו אם יעבור עליו מה, כי צריך האדם לסלק מדעתו ולהעביר ממחשבתו לגמרי כל מה שעבר ביום העבר, או בשעה העוברת, וידמה בעיני עצמו בכל יום, ואפילו בכל שעה, כאילו היום נולד, בבחינת 'אני היום ילדתיך'. וכתיב: **"היום אם בקולו תשמעו"**, שצריך לחשוב בכל יום ובכל עת ושעה כאילו היום ובאותה שעה הוא נולד ובא לעולם ורוצה להתחיל, להכיר את מי שאמר והיה העולם, ואף על פי שכבר היה כן אלפים ורבי רבבות פעמים שרצה להתחדש ולהתחיל להתקרב לה' יתברך ולא עלתה בידו, ואפילו אם נפל בכל פעם למה שנפל רח"ל, אעפ"כ אל יסתכל על זה כלל, וישכח כל זה, כי זה היום

"**הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**"[טו]; עס איז דא א ציווי אז א מענטש דארף זיך אלעמאל באנייען!

עבודת ה' איז פריש!

די בריאה איז פריש!

דער אויבערשטער איז פריש!

די תורה איז פריש!

עס ווערט געבראכט אין **מדרש**[טז], עס איז נישטא קיין טאג וואס דער אויבערשטער איז נישט מחדש קיין הלכה אין 'בית־דין של מעלה' - און אפילו אט די נייע הלכה האט אברהם אבינו געוואוסט.

עס איז רעכט אז אט די הלכה וואס דער אויבערשטער איז מחדש אין 'בית־דין של מעלה', אט די הלכה איז א שורש פון 'התחדשות' אין דער גאנצער תורה, פון וואס אלע מחדשי התורה קענען געפינען געוואלדיגע חידושים, געוואלדיגע פרישקייטן, געוואלדיגע נייע הסברים אין דער תורה הקדושה. פארוואס? ווייל דער אויבערשטער שיינט מיט דעם אריין א 'התחדשות' אין דער תורה.

אט דאס איז טאקע די ארבעט פון די 'צדיקים'; די צדיקים רופן זיך דאך 'חיים', 'צדיקים נקראים חיים'[יז], פארוואס? ווייל 'חיים' איז

---

והשעה שהוא עומד בו עתה עדיין לא היה בעולם ומי יודע מה יכול לזכות עדיין באותו היום ובאותה השעה, כי ה' יתברך מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, ואין יום דומה לחבירו, ואין שעה דומה לחברתה. וכמובא בכתבי האר"י באריכות מזה גודל השינויים לאין מספר, הנעשים בכל יום ויום ואפילו בכל שעה ושעה.

**טו.** תהלים צה, ז. [עיין מה שכתב רבינו לבאר בזה בליקוטי מוהר"ן סי' רע"ב].

**טז.** בראשית רבה מט, ב': רבי ברכיה ור' חייא ורבנן דתמן בשם ר' יהודה, אין יום ויום שאין הקב"ה מחדש הלכה בב"ד של מעלה, מאי טעמיה? (איוב לז) שמעו שמוע ברגז קולו והגה מפיו יצא, ואין הגה אלא תורה, שנאמר, (יהושע א) והגית בו יומם ולילה, אפילו אותן הלכות היה אברהם יודע.

**יז.** עיין גמ' ברכות דף יח ע"א.

דער טייטש 'מים חיים', עס קוועלט נייע וואסער, פריש, התחדשות, אט דאס איז דער כלל פון צדיקים[יח].

נישט ניצן די חלישת הדעת וואס דער בעל־דבר מאכט ווען מען וויל זיך באנייען אין עבודת ה'; מען האט שוין גענוג 'לימודים' און 'רבי-געלט' פון אלץ וואס איז אויף אים איבערגעגאנגען אז ער קען שוין גוט-גוט וויסן ווי זיך צו פירן פון היינט און ווייטער - ער האט זיך שוין גענוג אפגעבריט... א מענטש קען נעמען די אלע מכשולים און אלע מעברים אז עס זאל אים זיין א גוטער 'רבי', א גוטער 'מדריך', זיך צו פירן פון ערשט און ווייטער ווי עס דארף צו זיין, מען קען עס באמת ניצן אז עס זאל ווערן א 'ירידה תכלית עליה'.

נאָר, דער בעל־דבר רעדט אים איין, 'קוק, דו האסט שוין ממילא אזויפיל קאליע געמאכט, דו האסט שוין געמאכט אזעלכע זאכן וואס וועט שוין נישט העלפן אויף דעם קיין תיקון, דו קענסט שוין נישט ווערן צוריק אנדערש' - אט דאס איז וואס דער בעל־דבר מאכט אָן.

עס איז נישט ריכטיג.

אז א מענטש זאל זיך באנייען ווי עס דארף צו זיין, העלפט אים נאכער דער אויבערשטער אסאך מער פון וויפיל ער האט געטון; דער אויבערשטער קען העלפן 'למפרע' אז אסאך קלקולים וואס ער האט גורם געווען פאר זיך און פאר אנדערע - זאל זיך אויסדרייען 'לטובה ולברכה' 'בלי ספק'![יט].

---

**יח.** כמבואר היטב בליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה אות ה', עיין שם ובעוד שאר מקומות.

**יט.** עיין השתפכות הנפש אות ע"ו (עפ"י ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז), וז"ל: אמר אדמו"ר ז"ל בהשיחה הנוראה שהפליג אז מאד בגדולת הבורא יתברך שאין יודעין כלל, וסיים אז בזו הלשון: אפילו אייער זאך וויא אהין איטליכער איז גיפאלין, אבי מע איז זיך ניט מייאש פין שרייען, מע שרייט, מע בעט וכו' [- איפה שכל אחד נפל העיקר שלא מתייאשים מתפילה וצועקים ומבקשים], **יש ענין שנתהפך הכל לטובה!** כי גדול השם יתברך ואין יודעין כלל וכו'! ויקר וחשוב מאד אצל השם יתברך כל התעוררות והתעוררות של כל אדם בכל מקום שהוא. **ותיכף** כשאדם מתעורר באתערותא דלתתא בתפילה ועבודה **כל-שהוא**, מתעורר תיכף

## פריש פון אלע זייטן

יעדער איינער דארף וויסן, דער אויבערשטער פאדערט 'התחדשות', 'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים'. דער אויבערשטער איז דאך מחדש דער בריאה אלע טאג. דער **זוהר הקדוש** זאגט[כ], דער אויבערשטער באשאפט אלע טאג דער וועלט.

עס איז דא (א התחדשות) סיי 'מצד הבריאה'; אזוי ווי ווי **רבי חיים וויטאל** זאגט[כא] אז עס איז נישטא קיין רגע וואס די 'מעמד העולמות' איז גלייך ווי א 'רגע שלפניו'; אז א מענטש ווערט ערשט געבוירן - האט ער אזא מזל; ווערט ער געבוירן א רגע שפעטער - האט ער שוין אַן אנדער מזל. אזוי אויך, אז צוויי מענטשן ווערן געבוירן, איינער פון דער זייט וועלט, און דער פון דער זייט, אין איין רגע, איז דער האט אזא מזל, און דער אזא מזל, יעדע רגע איז א נייע בריאה.

זאגט רבי חיים וויטאל, 'כל־שכן' אז אין די 'עולמות עליונים' איז דא אזעלכע צירופים בכל עת ורגע!

---

אתערותא דלעילא הרבה, ועל ידי זה יש לו כח להתעורר עוד, וכמו כן נמשך אתערותא דלעילא יותר וכו'.

**כ.** עיין הקדמת הזוהר דף ה' ע"א.

**כא.** עיין שער ההקדמות דף ה' ע"ב: ולא עוד, אלא שבכל עת ובכל שעה, משתנים העולמות, ואין שעה זו דומה לזו. ומי שיסתכל בענין מהלך הכוכבים והמזלות, ושינוי מעמדן ומצבן בכל עת ורגע, זה אינו דומה לזה, כפי פגישת הכוכבים זה בזה בשינוי גמור, אשר זהו סיבת הנולדים, שאין זה דומה לזה, כפי הרגע שבו נולד. ומזה יוכל להסתכל לעולמות העליונים שאין להם קץ ומספר, וגם לשינוייהם, כי הלא הם משתנים בכל עת ובכל רגע, כי התחתונים הם צל העליונים. ואם עיני שכל לך, תדע ותשכיל ממוצא דברינו, כי אין שכל האנושי יכול לעמוד בדקדוק על כל הפרטים האלה, וע"ז אמר דוד המלך ע"ה, גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. וכן שלמה המלך ע"ה אמר, אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני, כמבואר אצלינו בהקדמות הספר הזה. ולך נא ראה ספר התיקונין בתיקון כ"ב דף ס"ג ע"ב, במאמר קם ר' שמעון ואמר סבא סבא וכו', ולבושים דאיהו לביש בצפרא לא לביש ברמשא, ולבושין דלביש ביומא חדא, לא לביש ביומא תניינא וכו', וממנו יתבאר לך, איך משתנה מצב ומעמד העולמות, אשר הם הלבושים שבהם מתלבש האין סוף לכמה שינויים, בכל עת ובכל רגע.

קומט אויס, איז דאך דא ׳בכל עת ורגע׳ א הזדמנות צו מאכן א ׳התחדשות׳ אין עבודת ה׳; אט דאס איז מצד דער ׳בריאה׳[כב].

און ווייטער איז דא (א התחדשות) מצד דער ׳תורה הקדושה׳; די תורה הקדושה דארף זיין ׳בכל יום יהיו בעיניך כחדשים׳.

די **גמרא** זאגט[כג], פארוואס איז די תורה געגליכן צו א ׳תְּאֵנָה׳? ווייל עס איז דא א **גמרא**[כד] ביי ׳פאה׳, אז א ׳תאנה׳ איז נישט ׳לקיטתן כאחת׳. דאס הייסט, אז א מענטש גייט ארויס אינדערפרי, איז פארטיג א פינעף פייגן אויף זיינע פייגן-ביימער, און די איבריגע איז ׳בוסר׳; אז ער קומט אויף צומארגנ׳ס, זעט ער א נייע פָּאָר פייגן זענען פארטיג, און אזוי ווייטער אויף מארגן; אלע טאג איז דא נייע פייגן פארטיג וואס איז זיס און פריש וואס מען קען עס ערשט עסן.

די זעלבע זאך - די תורה הקדושה; אז דער אויבערשטער העלפט אז א מענטש לערנט, קען ער זען אלע טאג נייע חידושים, נייע שיינקייטן, משיג זיין דער תורה מיט א נייעם גוון.

אט דאס איז דא ׳במציאות׳, סיי מצד דעם מענטש אליין, סיי מצד דער בריאה, און סיי מצד דער תורה הקדושה; עס איז דא א הזדמנות פון ׳התחדשות׳.

---

**כב.** עיין ליקוטי הלכות הל׳ בשר בחלב ה״ד הנ״ל באות א׳ אחרי שמעתיק דבריו הנוראים של מוהרח״ו ויטאל הנ״ל, וז״ל: **נמצא** שאין ראיה כלל מיום לחבירו ומשעה לחברתה, כי העולמות והגלגלים וכו׳ משתנים בכל עת, ויכול להיות שאף על פי שעד הנה היה מה שהיה, אף על פי כן עתה עתה יכול לעשות איזה נחת רוח לה׳ יתברך באשר הוא שם, כי כל השתנות העולמות וכו׳ הכל בשביל כל אדם, כי חייב כל אדם לומר ׳בשבילי נברא העולם׳ (סנהדרין לז). **ועל כן** צריך כל אדם להאמין שבכל עת ושעה ורגע כל ימי חייו יש בכח האדם להתחיל מעתה ואל יסתכל כלל על יום שלפניו ולאחריו, רק יחזק עצמו עתה להתקרב לה׳ יתברך במה שיוכל בעסק התורה או תפלה, או איזה מצוה ואם אינו יכול לעשות דבר באותה השעה, על כל פנים ישתוקק ויכסוף לה׳ יתברך כי רצון וכיסופין דקדושה יקר מן הכל! (כמבואר בדבריו הקדושים כמה פעמים).

**כג.** עירובין דף נ״ד.

**כד.** שבת דף ס״ח ע״א.

דערפאר זאגט דער רבי אז דאס איז א געוואלדיגער כלל אין עבודת ה' - "שצריכין ממש בכל יום להתחיל מחדש"!

אט דאס איז טאקע דער פשט פון "**וּבְטוּבוֹ** מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית". "ובטובו" דאס איז די 'תורה', די 'תורה' רופט זיך 'טוב', (כמו שכתוב:) "כִּי לֶקַח **טוֹב** נָתַתִּי לָכֶם"[כה]; דער אויבערשטער איז מחדש מיט דער 'תורה הקדושה' אלע טאג דער 'בריאה'[כו], ממילא איז דא אין א מענטש יעדן טאג נייע תורה, נייע חידושים, נייע זיו השכינה, מיט נייע התקרבות.

## 'לית יום דלית ביה טוב'

דער **זוהר הקדוש** זאגט[כז], יעדער טאג - די בריאה פון דעם טאג - איז באשאפן געווארן מיט א געוויסער 'טוב' מלמעלה, נאר וואס דען? יעדע זאך גייט דאך 'זה לעומת זה עשה אלקים'; אזוי ווי יעדן טאג איז דא א נייער 'טוב' מיט א נייער 'זיו השכינה' וואס מען קען דורכדעם איבער א נייעס מקורב ווערן צום אויבערשטן, אזוי 'זה לעומת זה' איז דא 'נחשים ועקרבים' וואס זענען מבלבל דעם מח פון א מענטשן און לאזן אים נישט צוקומען צו דעם 'טוב' פון דעם טאג - אזוי זאגט דער זוהר.

---

**כה.** משלי ד, ב.

**כו.** עיין ליקוטי הלכות הל' יבום ה"ג אות ב': אנו רואין שבכל עת וזמן ובכל יום ויום ממש נעשין שינויין גדולים, וכל אלו השינויים הוא כפי מה שחכמים מחדשין בתורה ומרכיבין אותיות התורה כמו כן נעשין שינויים במעשה בראשית ושינויים בכל העולם, שבזה היום יש גשמים הרבה ובזה היום יש יבשות, ובזה הזמן קר ולח וכו' וכיוצא שאר השינויים, וכן השינויים שבין בני אדם שזה עולה וזה יורד וזה בריא וזה להיפך, ולפעמים כובש זה המלך ולפעמים מלך אחר, וכיוצא בזה שינויים לאין קץ בכל עת וזמן הכל כפי מה שהחכמים מחדשין ודורשין את התורה בכל דור ודור, בבחינת **ובטובו מחדש** בכל יום תמיד מעשה בראשית, כמו שכתב רביז"ל במקום אחר (ליקו"מ סי' ל"א) **'אין טוב אלא תורה'** וכו', 'אין טוב אלא צדיק' וכו'. כי כל החידושים של מעשה בראשית שמחדש ה' יתברך בכל יום תמיד, הכל על ידי התורה, והעיקר תלוי על ידי הצדיקי הדור כפי מה שהם דורשים אותה בכל זמן וכו' וכנ"ל, כמו כן האדם שהוא בעצמו בחינת התורה כנ"ל.

**כז.** פר' נשא דף קכב ע"א.

אלע טאג איז דא א 'טוב', אבער עס איז דא 'נחשים ועקרבים' וואס דאס איז אזעלכע בלבולים וואס שטערן דעם מח; אלע טאג איז דא אנדערע סארטן בלבולים און אנדערע סארטן מחשבות וואס לאזן נישט דעם מענטשן צוקומען צו דעם 'טוב' פון דעם טאג.

דער זוהר הקדוש אליין זאגט דארט טאקע, אז א מענטש לערנט און דאוונט און טוט וואס ער קען, קומען 'סניגורין' און זאגן דעם אויבערשטן, "'האי בר נש - הוא טוב הוא צדיק' - נעם אים אריין, לאז אים אריינגיין אין דעם 'טוב' פון דעם טאג!".

אין **ליקוטי מוהר"ן** שטייט דערויף[כח], אז דער אויבערשטער העלפט אז דער מענטש איז זוכה און ער כאפט זיך אריין אין דעם 'טוב' פון דעם טאג, איז דער טאג זייער "גרויס"[כט]. און דער רבי זאגט, אט דאס איז דער פשט אין **גמרא** מגילה[ל] (וואס מען האט געפרעגט 'רבי נחוניה בן הקנה':) "במה הֶאֱרַכְתָּ ימים".

וואס איז פשט 'במה הארכת ימים'? דער פשוט'ער פשט איז, 'דורך וואס האסטו זוכה געווען אז דו האסט 'מאריך ימים' געווען'. אבער דער רבי זאגט פשט[לא], "במה הארכת ימים", אז זיי האבן געזען אין דעם תנא, אין דעם אמורא, אז ער האט געהאט זייער 'לאנגע טעג' - ווייל ער האט אלע טאג זוכה געווען צו דעם 'טוב' פון דעם טאג, ממילא איז געווען ביי אים דער טאג זייער 'גרויס', ווייל א דבר רוחני איז 'למעלה מן המקום' 'למעלה מן הזמן'.

---

**כח.** סי' פ"ד.

**כט.** וזל"ש בא"ד: וכשאדם רוצה להגות ולחשוב בתורה, היינו ברזין דאורייתא, אינון נטירין ונחשים ועקרבים מבלבלין מחשבתיה, ואלו הם המחשבות שבאין לאדם. וכשאדם רוצה וחושק עד מאד, ופותחין לו, כנ"ל בזוהר הקדוש. **אזי כל יום ויום אצלו גדול עד מאד**, כי רואה ומשיג הטוב הגנוז, היינו רזין דאורייתא, השייך לאותו היום.

**ל.** דף כח ע"א.

**לא.** וז"ל רבינו שם בתורה בהמשך: וזה ששאל התנא 'במה הארכת ימים?' היינו באיזה מידה מן המידות נכנסת להטוב הגנוז, והארכת הימים שלך להיות גדולים כנ"ל. והשיב לו 'ותרן הייתי בממוני', וכו' עיי"ש בפנים.

עס זענען געווען צדיקים וואס האבן זוכה געווען צו ״לאנגע טעג״!

זיי האבן אזויפיל געלערנט, אזויפיל געדאווענט, משיג געווען אזויפיל השגות, אזויפיל התקרבות להשי״ת, אז איין טאג ביי זיי איז געווען מער ווי ביי אַן אנדערן ׳כמה שנים׳. אט דאס איז דער פשט פון ״במה הארכת ימים״ - ׳דורך וואס האסטו זוכה געווען אז דו האסט געהאט אזעלכע ׳לאנגע טעג׳?!׳.

איז יעדער איינער האט אַן אנדערע מידה, איינער קומט אריין דורך דער היכל פון ׳קדושה׳, איינער דורך דער היכל פון ׳תורה׳, איינער דורך דער היכל פון ׳תפילה׳, יעדער איינער איז זוכה דורך אַן אנדערע זאך, דורך אַן אנדערע מידה טובה, וואס דורך דער מידה טובה כאפט ער זיך אריין אין דעם טאג און עס שיינט אים דער ׳טוב׳ פון דעם טאג און דער טאג איז ביי אים זייער גרויס[לב].

## געווארן ׳צדיקים יסודי עולם׳

על־כל־פנים, אט דאס איז די כוונה פון רבי׳ן; אז א מענטש האט א ׳ירידה׳, דארף ער וויסן אז עס איז ׳מן-השמים׳, און די כוונה פון אויבערשטן איז אז ער זאל מאכן פון דער ׳ירידה׳ אַן ׳עליה׳[לג].

---

**לב.** עיין משיבת נפש לקמן (מחזור ג׳) אותיות י״ג, קי״ח.

**לג.** עיין אוסף מכתבים (חלק ב׳ מכתב פ״ז) וז״ל מורינו הגה״צ שליט״א: יש שיחה בחיי מוהר״ן (אות תפא) שרבינו הק׳ סיפר שהלבנה קיבלה [התלוננה] לפני החמה, כי היא עובדת בלילות הארוכות הקרות וקר לה, ויעצה החמה להלבנה שיעשו לה מלבוש, ובאו החייטים הגדולים ואמרו שאי אפשר לעשות לה מלבוש, כי לפעמים היא גדולה ולפעמים היא קטנה, ואיך אפשר לעשות לה מלבוש, ואח״כ באו החייטים הקטנים ואמרו להם: אם הגדולים לא יכלו כש״כ אתם. וכמובן שהדברים עתיקים שכיסה עתיק יומין ושכינה היתה מדבר מתוך גרונו. פעם שאל אותי חבירי הרה״ח רבי משה קרעמער שליט״א (חתנו של הרה״ח רבי גדלי׳ קעניג שליט״א) פירוש ע״ז, ואמרתי לו שפירושו לא ידעתי, אולם רעיון נפל בדעתי מזמן, והוא, שכל אדם הוא תמיד עולה ויורד ואי אפשר שיעשה לו סדר שיתאים לו לכל יום (גם מתאים דבר זה שישראל מונים ללבנה שהיא עולה ויורדת עד שיהי׳ אור הלבנה כאור החמה ועין לק״מ סי׳ ט״ז). ר׳ לוי יצחק בענדער שליט״א מספר תמיד, שלמוהרנ״ת היו שלוש עשרה סוגי שיעורים בשלחן ערוך, וביאר דבר זה, כי ביום רגיל הי׳ לומד חמשה דפים ש״ע, ובעש״ק פחות,

עס איז דא מענטשן וואס האבן זוכה געווען צו אזויפיל 'עליות' און אזויפיל 'התקרבות' און זענען געווארן ממש 'צדיקים יסודי עולם' - **דווקא** פון די 'ירידות'!

**ווייל** זיי האבן געהאט אזא 'ירידה', האבן זיי זיך נוקם געווען אין דער 'רע', און זיי האבן געענדיגט מיט אזא 'עליה' - וואס אָן די 'ירידה' וואלט ער נישט זוכה געווען צו אזא 'עליה'!

שוין, דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, "הֲ**שִׁיבֵנוּ** ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה", און עס זאל זיין "**חַדֵּשׁ** יָמֵינוּ"[לד].

---

ובשבת גם שיעור לא כהרגיל, וכן ביום הנסיעה באופן שונה, וכן בערב יום כיפור, וביום כיפור, והכל על סדר אחד בש"ע. אולם בכל יום למד כפי המציאות של היום, נמצא שהחליף את הלבוש בכל יום כפי ערכו, עד שראה שיצא לו הסדר בשלוש עשרה אופנים.
זה הי' חלקו של ר' נתן זצ"ל מגודל יישוב דעתו מרוב שמחה וריבוי שיחה בינו לבין קונו, אבל אנו לדעתי יותר נכון שיהיה לנו סדרים קטנים מאד, כדי שלא נבטל בשום אופן אחד מהם, ושיהי' לנו סדר מיוחד על שיעורים קטנים אלו, ועל הסדרים הגדולים סדר מיוחד, וביום שלא עלו לנו הסדרים הגדולים הנה לכל הפחות את אלו רכשנו.

**לד.** איכה ה, כא. עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה אות ח': עיקר התשובה הוא בבחינת התחדשות החיות בכל עת, שצריך לחדש ימיו שעברו בחושך. בבחינת (איכה ה') **השיבנו** ה' אליך ונשובה **חדש** ימינו כקדם; מובא גם בהל' בשר בחלב ה"ד אות א' הנ"ל; גם עיין שם הל' ספר תורה ה"ד אות.

# יאמץ לבך

איך האב אמאל געהערט א משל. עס איז געווען אמאל אפאר שרָצים וואס זענען אריינגעפאלן אין א כלי פון חָלב, און די מילעך איז געווען העכער פון זיי. איז אפאר האבן געטראכט, ׳שוין, ווי קענען מיר ארויסגיין? עס איז דאך העכער פון אונזער קאפ? מען קען דען לעבן דא? מיר וועלן זיך דערטרונקען! מיר זעען שוין גלייך אז עס איז נישטא קיין עצה...

אבער די אנדערע האבן געקלערט, מען קען געבן א טאנץ און געבן אַן אָטעם, און ווידער נאך א טאנץ – און נאך אַן אָטעם. איך וויים טאקע נישט ווי אזוי דאס קען מיר העלפן, אבער דאס קען איך דאך יא טון. האבן זיי געטאנצט און געאָטעמט, געטאנצט און געאָטעמט. די נאטור פון מילעך איז, ווען מען איז דאס מכַטש, ווערט דאס פוטער, עס שטעלט זיך אויף א שיכט פעטנס. אויך ביי זיי האט זיך אויפגעשטעלט אזא שיכט פעטנס – און זיי זענען ארויס געקראכן...

דאס הייסט, דו טו דיינס – און דו וועסט זען ווי דער אויבערשטער וועט שוין ממשיך זיין! דער אויבערשטער קען מאכן א ישועה וואס איז נישט טבעי! דאס איז א באוואוסטער כלל.

אט דאס איז פשט, **"שובו אלי ואשובה אליכם"**!

דו טו דיינס!

וויפיל דו קענסט!

פון דא און ווייטער וועט שוין דער אויבערשטער העלפן!

(ספר דורשי יחודך – שובבי"ם – מאמר ׳שובו אלי׳)